בטבֿע | בעטעווע/בעטיווע | -- אדוו. לויט/ אין
דער נאַטור, לויטן כאַראַקטער פון עמעצן/עפּעס, (ווי )
געוויינטלעך. % זיין בטבע, שטעקן בטבע.
דער ייד איז בטבע א בעל=בטחון. בטבע איז מיין
חבר א רויקער מענטש, אבער די עוולה האט אים ארויס
געבראכט פון די כלים.

| 1888 | " אזוי ליגט שוין בטבע פון מענטשן: דאס
וואס גייט אפ גייט ניט ארויס פון זינען ". 6
ממוס, דאס ווינטשפינגערל, ציט אויסג ווארשע-
ווילנע, 1911, ז' 51.

1934 " |...| די קינדער, שרעקעדיקע און בטבע שטילע,
// מעקען ארום אים, ווי קעלבער אין א ראד און 12
טאנצן". מלה, בI, נ"י, ז' 178.

1973 " מחמת דער היינט ווערט באלד א נעכטן, און דער
זכרון איז בטבע שוואך, איז שווער צו וויסן ווי 4
אזוי זאכן טרעפן ". באש, פאר, VIII/24.

|| דיק= -- אדי/אדוו. נאטירלעך, כאראקטעריסטיש.
% דאס ענטפערן קורץ, לאקאניש איז בטבעדיק פאר אים.

(!!)

בטהרה | בעטא(הא)רע | -- אדוו. ריין, אין ריינקייט,
זויבערקייט ( ס'רוב געמיינט גייסטיקע געליטערטקייט).
% דער אלטער האט אפגעזאגט ווידוי, זיך אנגעטאן אין
די צוגעגרייטע תכריכים און אויסגעהויכט די נשמה בטהרה.

1925 " |...| פאר וואס זאל א למדן זיך ניט מאכן אן
אפצוימעכץ אין שטוב, א קליינעם ארט כאטשע, אז 20
ער זאל קענען דארשן לערנען תורה בטהרה. ניסן הלוי
לעווינסקי |...| שיחות ערבות, פיעטריקאוו.

ם | 1740? | " די מדרשים און גמרות זיינען פגל, ווער
זיך האלט בפרישות און <u>בטהרה</u> קומט ער צו אליהו 21
הנביא ". <u>איין שיין וואונדערליך מעשה פון איינר</u>
<u>כלה מיט דרייא חתנים</u>, פפד"מ, ז׳ 6.

ב ט ו ח | באָטועך/בעטועך | -- דער, =ים | באָטוכים/
בעטוכים |. באגלייבטער מענטש, וואס מע קאן אים
אנפארטרויען | ס׳רוב וועגן געלט=ענינים | % דעם
נדן האט מען איינגעלייגט ביי א <u>בטוח</u>, א חשובן
בעל=הבית פון שטאט. מע מעג אים געטרויען, ער איז
ביי מיר א <u>בטוח</u>.

1885 " קרעדיט האבן זיי | די קבורה=לייט | אין שענק,
מע ווייסט, זיי זענען גרויסע <u>בטוחים</u>, זיי וועלן 24
פון דעם מינדעסטן מאָל אפרייסן, עס זאל זייך צו
באצאלן דעם חוב ". <u>ייפאל</u>, נ׳ 23, ז׳ 348.

| 1908? | " | ... | זוכט <u>בטוחים</u>, פארלייט געלט אויף
הייזער, סאלידע וועקסלען וכדומה ". <u>שע, אין</u> 26
<u>שטורם</u>, ~~[illegible]~~ ווילנע - ווארשע, ז׳ 8.

/7 <u>שוו: דער גרעסטער/בעסטער בטוח איז די אייגענע</u>
<u>קעשענע</u>.

<u>גאט איז א בטוח</u> ( וואַר~~[illegible]~~; <u>דער בעסטער בטוח</u> )

<u>ביסט א בטוח, אבער שיק אריין מזומנים</u> - 3 מאָל ליכטיקער
אויף נאָך מזומן געלט.
<u>א בטוח איז אן אנזעצער</u> -- מע דארף נישט צו פיל
געטרויען אפילו א באגלייבטן מענטשן, ווייל מען
שטעלט אים פאר א נסיון.

ב ט ו ח | בעטועך | זיין -- אוטוו. פילן זיך זיכער, זיך פֿאַרלאָזן, האבן אויסזיכטן אויף עפעס / עמעצן, האבן האפענונג.

% דער ייד איז שטענדיק בטוח, אז גאט וועט אים העלפן. זיי זיינען בטוח אין דער הצלחה פון דער אונטערנעמונג.

| ? 1847 | " |...| זיין הארץ זול זיין בטוח אין דעם וואס ער איז זיך אויף אים סומך, אז ער וועט מקיים זיין, וואס ער האט אים צוגעזאגט ". חנ IV, 27

ז' 307. | אויסלייג מאדערניזירט דורכן אויסשרייבער פון דער ציטאטע |.

1901.. " איך בין בטוח, אז דו וועסט מיר באצאלן ". פרץ, אויב נישט נאך העכער........ 1947 ג' IV, אַלע ווערק, 63 ז' 101

1882 " דו זאלסט ניט זארגן אויף די מארגנדיקע צרה |...| דער מענטש איז דאך ניט בטוח מיט זיין לעבן איין רגע, קאן דאך זיין דאס ער וועט גאר די צרה ניט דערלעבן |...| ". איבז מני אל"ף, 22

| מחבר? | דער דאקטער בוך, ווארשע, ז' 10.

ם ... | ...| האט ניט גיוואלט הערן דאש מסירות פון די שרים דען ער איז בטוח גיוועזן אן דעם יהודי דז ער איז אים גאר גיטרייא ". ספר דרך תמים..... קאנק: 50.

ב ט ו ח ו ת | בעטוכעס | -- די/דאס, בא. (ללל) זיכערקייט, גאראנטיע, דעקונג. % " זיי זענען גרייט ארויסצושיקן דאס געלט, אויב עס איז דא א וויכטיקע בטוחות". | י. קאטיק, זכרונות | .

ב ט ו ל --- ------> ביטול.

ב ט ח ו ן | ביטאכן | -- דער, <u>בא</u>. 1. דער גלויבן פון דעם פרומען מענטשן, אז גאט וועט ניט פארלאזן אין א נויט, זיכערקייט אז ער וועט העלפן אין א צרה דעם יידן און דעם יידישן פאלק בכלל; אין וועלטלעכן באגריף - דעם גלויבן אז אלץ וועט זיך אויסלאזן גוט, אפטימיסטישער צוגאנג צום לעבן.

לעבן <u>מיט</u> <u>בטחון</u>, די מידה פון <u>בטחון</u> האט געהאלפן די יידן איבערצולעבן די שווערסטע צייטן. א מענטש טאר קיין מאל זיך ניט מיאש זיין, ניט פארלירן דעם <u>בטחון</u>.

1873 " א מאל האבן עלטערן חתונה געמאכט זייערע קינדער מיט דעם <u>בטחון</u>: גאט האט אונדז צוגעשיקט צום לעבן, מסתמא וועט ער זיי אויך |...| ". <u>ממוס</u>, <u>די קליאטשע</u>, קאנק: 18890.

| ? 1908 | " נישט געזארגט זיך! |...| <u>במחון</u>! גוואלד, <u>בטחון</u>! האפענונג! אמונה אין הקדוש = ברוך=הוא!". <u>שש</u>, <u>אין שטורם</u>, <u>ציט אויס</u> ווארשע 1925, ז' 41. 46

1935 " ער געביט יידן זאלן אפטאן פון זיך דעם טרויער און זיך אנגורטן מיט <u>בטחון</u> און פרייד ". <u>באש</u>, <u>דער שטן אין גאריי</u>, <u>ציט אנט</u>, ז' 25. 38

1973 " <u>בטחון</u>: זעט אויס, אז דער איצטיקער פשט, להיפוך צו צוטרוי אדער האפענונג סתם |...| וואקסט פון דער מוסר=ליטעראטור, א שטייגער פון חובות הלבבות". <u>מווג</u>, <u>III</u>, נ"י, ז' 191. 45

2. זיכערקייט אין, צוטרוי צו עמעצן / עפעס.

% ער האט מיך שוין עטלעכע מאל אפגענארט, האב איך שוין ניט קיין <u>בטחון</u> אין אים.

" |...| ווו ער שמעקט אריין די נאז, איז |...| "
39 אויס בטחון, אויס קרעדיט!". פרץ, אלע ווערק,
ב' II, ציט אויסג נ"י 1947, ז' 321.

1914 " |...| ווענדעט זיך, מיט דעם גרעסטן בטחון,
44 צו די קאמאנדאנטן פון אונדזער מיליטער |...| ".
" די אבערע ליישונג פון די פערבינדעטע דייטשע
און עסטרייך=אונגארישע ארמיעס צו די אידען אין
פוילען | פראקלאמאציע גאווארפן פון דער לופט.

||=דיק -- אדי/אדוו. האפענונגפול, זיכער אז ס'וועט
זיין גוט, אפטימיסטיש.

|...|" שפאן דורך לאנד פון בטחונדיקן ייד // וואס
51 האט דאס אלץ פארגליבט |...| ". יג, ציט אנט. גלן
N. יפה, ת"א, 1961, ז' 202.

1968 " |...| פון דער ערד און זונליכט מיט בטחונדיקער
53 ..קראפט |...| ". לע, אפקלייב, נ"י, ז' 149.

... " איך וויל ווו כ'גיי פארביי אין די פארנאכטן שטילע
52 // סע רוישט נאך דארט בטחונדיק [illegible]
א תפילה ". י. מאניק, ליד פרומקייט.

L7 זיין בטחון איז צעקראכן -- ( שפאסיק ) אויף
איינעם וואס איז א פעסימיסט, א שווארצזעער.

שוו: אפילו ווען דער חלף ליגט (ואפי: איז) אויפן האלדז,
טאר מען דעם בטחון ניט פארלירן.

אז מע האט בטחון גיט מען אויס טעכטער ( אויסגעבן:
חתונה מאכן. )

ווען מען גאט וויל שטראפן, נעמט ער אים צו דעם בטחון.

במחון איז גוט פאר זיך, אבער שפייזט ניט דערמיט א צווייטן

במחון אויף אייגענער חכמה איז א שמיק נארישקייט.

במחון ציט צום הימל, כבוד - צו דער ערד.

אז מע האט בטחון, האט מען אויף שבת.

III

------> 1.

... " ווען איינער איין במחון האט אן הש"י ווען חלילה

אים אמאל איין סיבה צו קומט און ער האפט צו הש"י".

ס׳דרך תמים, קאנ: 40.

------> 2.

... " זיין חכמה און׳ זיין גבורה און זיין קרובים

וואס ער איין בטחון האט געהאט אן זיא ווייל ער

גילעבט האט ". ס׳ דרך תמים קאנק: 60.

פּפּ בטוחות.

ב ט י ח ו ת | ב(ע)טיכעס -- דאס, בא. (שם)

זיכערקייט, האפענונג. גאַראַנטיע % איך האב טיף אין הארצן

בטיחות, אז ס׳וועט זיך אויסלאזן צום גוטן.

" מיט וואס איז געווען זיין בטיחות, דאס איז מיר

טאקע א רעטעניש ביז היינט ". א. צייטלין.

1912 [illegible]

[illegible] בטוחות. [illegible]

ב ט ל | באַטל | -- אדוו. אן ארבעט, אומבאשעפטיקט

(ס׳רוב קומט מיט די ווערבן ׳ארומגיין׳, ׳זיצן׳)

% ער גייט ארום בטל, טוט ניט קיין האנט אין קאלט

וואסער.

1833 " דער רשע זיצט בטל און רעט טאג און נאכט דברים בטלים

איבן משה בר' נתן נטע פון אוסטרהא, הרב אליהו 59

הכהן מאיזמיר, שבט מוסר, סדילקאב, דף נ"ד /1.

... " זייך זון גייט ארום בטל, אן א שום ארבעט". שע,

מנחם=מענדל, קאַפּ - מולידני 1932

" פליגן טרייבט מען נישט אומזיסט, חלילה, זיי

פארהינען.// אז מע פליט אום בטל ! אז מע ברענגט

קיין נוץ!". אשם, משלים I, קאנק : 137/520-521 -III

זיין

בטל | באַטל | ווערן -- פֿערוו.פֿאָס, מיט 'זיין'.

1. ווערן ( זיין ) אנולירט, אומגילטיק, אפגעשאפט,

ווערן צו נישט.: % דער פֿריערדיקער פֿאַרפֿלאָן איז

שוין בטל, דער עראפלאן פליט אפ אין אן אנדער שעה.

די שתדלנים האבן געפועלט ביים קיניג, אז דער נייער

קאָפּשטייער אויף יידן זאל בטל ווערן.

1868 " האט השם=יתברך א גרויסן נס געטאן, אז דער

אקציז איז גאר אין גאנצן בטל געווארן". | מחבר ?|, 77

דער אקציזניק, זשיטאמיר.

1885 " דער זאפט פון דעם מענטשלעכן מאגן האט אין זיך

אזא מין זויערקייט, פון וועלכן די גיפטיקע באקטע- 68

ריען קענען בטל ווערן". דאקטאר פ. אויס ביאליסטאק,

די ריינליכקייט און די געזונדהייט, | פעטערבורג |,

ז' 4.

1911 " |...| אפשר ווערט דערדורך | דעריבער | בטל ווערן

די גזירה". ממוס, די קליאטשע, קאנק: 1227320. א/68

מח62: דערגאנצן די ציטאטע לויטן אריגינאל?

1959 " איך טן=הכל ווערן די באזונדערע ארטיקע קרעפטן

בטל אדער האלב בטל, עס בלייבט זייער פאראייניקונג". 63

שנ, קריטיק און קריטיקער, ב"א, ז' 292.

2. פארלירן פון דער אייגענער חשיבות אין פארגלייך מיט עמעצן/עפעס, זיין ( תילן זיך ) געפאלן, אראפ - פאלן ביי זיך. % אליין צווישן די הויכע ריזיקע בערג ווערט דער מענטש בטל, ער פילט זיך קליין און נישטיק. דער פראסטער ארבעטער איז בטל געווארן פאר די אלע גרויסע לייט אויפן קאנגרעס און ניט דערוועגט זיך צו נעמען א ווארט.

1873 " |...| אז מען גייט צו זיי א מאל צו, ווערט מען בטל, מען מיינט זיך עפעס משונה, מע ווייסט נישט ווו מע זאל ...." ממוח, די קליאטשע,...... קאנקארד 249770. א/74

......................................................

גוט: דערגאנצן די ציטאטע!

......................................................

... " |...| איר קאנט אייך שמייך אויבן אן אין מזרח= וואנט |...| ווערט ער פאר אייך נישט בטל ". 74
שע, ארעמע און פריילעכע !!, ציט ווילנע- ווארשע, 1925, אלע ווערק ב׳ V, ז׳ 216.

1906 " אזוי ווי דער שוואכער מענטש פלעגט שטענדיק בטל ווערן פאר א גרעסערער קראפט, האט ער זיך באמיט ניט נאר די קראפט צו פארגעטערן, נאר טאקע אפזוכן דעם גאט ". רעד ספ, ווארשאווער יודישער פאמיליען- קאלענדאר, ווארשע, ז׳ 117. 73

1957 " פוילישע אז זיי גייען אריין צו א רבין זיינען זיי בטל לגמרי, אונדזערע |חבדניקעס| זיינען ניט אזוי, ער איז ניט בטל ". ש. ד. שניאורסאהן מליובאוויטש, תורת שלום, נ"י, ז׳ 241. 60

0 בטל ברוב | בעראוו | ווערן -- אנולירט ווערן, אויפגעלייזט ווערן אין דער מערהייט, פארלירן זיך אין דעם מערערן, גרעסערן. % ווען א ביסל משקה מישט זיך אויס אין אן אנדער געטראנק, וואס איז מערער, ווערט עס בטל ברוב.

בטל בשישים | בעשישים | ווערן 1. דזוו דפוו

אבער אין א קאנקרעטער פראַפּאַרץ - איינס צו זעכציק.

| דער אויסדרוק איז פארבונדן מיט די יידישע

דינים פון כשרות; למשל, אויב עס מישט זיך אויס א

ביסל מילכיקס מיט פליישיקס ( אדער פארקערט) וואס

איז 60 מאל מער, איז דאס ( דאס טעפל ) כשר |.

2.( פיג ) ווערן ניט אנזעעוודיק, פארלירן דעם ווערט,

די השיבותּ/אויף דעם קאנגרעס זיינען געווען אויך

עטלעכע ישראלים אבער זיי זיינען בטל בשישים געווארן

צווישן די הונדערטער דעלעגאטן פון אנדערע מלוכות.

זייער פראטעסט איז בטל בשישים געווארן -- מע האט

אים אפילו נישט איבערגעלייענט.

1973 " |...| דווקא דאס הייפעלע צעזייטע און צעשפרייטע

איז נים בטל געווארן בשישים, און אין משך פון 79/א

העכער טויזנט יאר האט זיך א שפראך, וואס |...|".

מוגג, I, נ"י, ז' 4.

/צוין/

בטל ומבוטל | אומעוווטל | ווערן -- דזוו בטל ווערן,

נאר שטארקער באטאנט, פארשארפט.

1816 " |...| אז דער שטן וועט קומן און וועט מיך

אס ושלום אנ ריידן איבר אנק זאל אלטץ זייך בטל 96

ומבוטל". הרבית ממלא אשת הרב יצחק אבד"ק בעלז,

תחנה תשובה |...|, לאשצוב, תקע"ו, לעצטע זייט.

1963 " אלע אונדזערע גרויסוועלטיגע קלוגשאפטן און

איינשמעלעניש ווערן בטל ומבוטל " . הל, עטיען 78

און רעדעס, נ"י, ז' 189.

בטל כעפרא דארעא |... קעאפרע דעארע | - דזוו דפוו,

נאר שטארקער אין באטייט: ~~אזוי~~ ווי דער שטויב

פון דער ערד.

|...|" אז ער גיט א קוק אויף אונדז, צעפאלן מיר און ווערן בטל כעפרא דארעא ". פרץ, וואס הייסט נשמה.

בטל בשישל -- פאראדירט פון ׳בטל בשישים׳.

" ביים ארעמאן ווערט אלץ בטל בשיסל ( שוו ).

בטל שפילן -- ניט וועלן לערנען. % דאס יינגל שפילט בטל, וויל ניט גיין אין חדר.

ב ט ל | באטל | מ א ב ן -- פערוו, טרוו.

1. אנולירן, אפשאפן, צו נישט מאכן. % דאס בית=דין האט בטל געמאכט דעם איסור אויף דעם קצב.

2. גורם זיין דאס פילן זיך מינערווערטיק.

1973 " א זינד |...| // האט פאריאגט מיך אין זעקסטן ענ // און געמאכט מיך בטל, פארלארן // אין מיטן פון וועלט=געשען ". הל, ציט, גק נ׳ 78, 1973. ז׳ 116.

ב ט ל ה | באטאלע | -- די, בא. לײדיק=גײיעריי, דאס פוסטעפאסעווען, דאס פטרן סתם די צייט.

% בטלה פירט צו לאנגווייליקייט אדער צו זינד.

... " א מין בטלה, וואס מען ווערט שיער משוגע דערביי". פרץ. בילדער און סקיצען .....

רעדן וועגן בטלה איז שוין א שטיק בטלה ( שוו )

ס׳איז א ברכה לבטלה | בראָכע לעוואטאלע | - די ארבעט איז אומזיסט, נישט כדאי, נישט ווערט די מי, ס׳וועט גארנישט ארויסקומען דערפון.

98

בּטלן | באַטלען | -- דער, =ים | באַטלאָנים |

1. א מענטש וואס גייט ארום בטל, טוט גארנישט ; ליידיקגייער. % ער איז א בטלן, פויל, וויל ניט ארבעטן. ס׳דרייען זיך ארום א סך בטלנים, פוסטעפּאסניקעס וואס טוען ניט קיין האנט אין קאלט וואסער.

1873 " דארט האלטן זיך אויף ליידיק=גייער, בטלנים ליגן דארט אויסגעצויגן אויף טיש און אויף בענק". ממוס, די קליאטשע. קאנק: 176100. 100/א

1879 " אין קלייזל פון מנין זיינען געזעסן עטלעכע בטלנים, ניט בטלנים וואס לערנען, דאס מיינט מען בטלנים ליידיק=גייער ". ע. בלאשטיין, פאר דעם נייען זיסטעם, ווילנע, ז׳ 14. 64

... " כמעט אלע סטרישטשער בעלי=בתים זענען מעקלערס |...|. עס געפינען זיך דארטן א גוזמא בטלנים און חברות אלערליי ". שע, יוסילע סאלאוויי. 104

2. (עלט) ארעמער לערנער אין בית=מדרש, וואס קהל האלט אים אויס. % דער וואסער=טרעגער פלעגט יעדן טאג ארייננברענגען וואסער פאר די עטלעכע יונגע בטלנים, וואס האבן געלערנט אין בית=מדרש. דער בטלן איז געזעסן ביים ווארעמען אויוון פון בית=מדרש - פארטיפט אין דער גמרא.

..." דריי מענטשן זאלן לייענען צען פסוקים אקעגן די צען בטלנים (מענטשן וואס פירן ניט קיין מסחר נאר זיצן אין בית=הכנסת )". פיעס, משניות, בבא קמא, פב/א. 102

1932 " בעובדא שעשו כת אחת פארשטעלונג טעאטער בשם האכציים פֿער שפּאס או דער בטלן, לעשות שחוק והיתול מישבה=בחור איך שהוא מקדש". הרב א. י. עבענצאהל, שו"ת מנחת יחיאל, בילגורייא, שאלה ע׳, ז׳ 113. 105

3. ( עלט ) א הויפזיצער ביי א חסידישן רבין.

% ער איז פון די חשובע בטלנים אין גערער שטיבל.

4. ( איר ) אומפראקטישער מענטש, אזא וואס איז פארטאן אין הימלזאכן, אריענטירט זיך ניט אין רעאלן לעבן, מויג זיך ניט אויס צו געשעפטן. % דער ייד איז טאקע א למדן, אבער אין געלטזאכן איז ער א גרויסער
[illegible]
בטלן, אך די פרנסה גיט דאס ווייבל, נעבעך. ווי געפעלט דיר דער בטלן, ער זוכט יושר היינטיקע צייטן!...

1912 " |...| דא קומט דער עטישער בטלן |...| וואס שפיי אים אין פנים, ווישט ער זיך רויק אפ און טרייסט זיך מיט דעם אז איבערמארגן וועלן אלע פעלקער פארשווינדן ". זשיט, שריפטן XI , נ"י, ז' 173. 101

1950 " |...| זאגן אויף עמעצן, אז ער איז א בטלן, איז | ביי יידן | די גרעסטע באליידיקונג". צייט, טמז, V/4.

1971 " אן אינזשיניער, ווי געלערנט און דערפינדעריש ער זאל נישט זיין - איב ער האט דערפון קיין געלט נישט געמאכט, איז ער א בטלן און א שלומיאל ". 106
מענער און פרויען, טמז, VII /14.

(רפ"מ)

|| בטלניק | באטלעניק | -- דער, =עס. דזון בטלן
בב 4/1.

1909
..." אט דער בטלניק! וואס האט ער זיך פארטן אנידער-געזעצט. דעם גאנצן טאג מיך דא פאר א קארבאטש | רובל | אפגעהאלטן ". בערג, ארום וואקזאל, קאנק 591542 - II. 613

17 (ווי) די עשרה בטלנים -- אויף א גרופע מענטשן וואס טוען גארניט אדער פארנעמען זיך מיט אומ-וויכטיקע, אומנייטיקע זאכן.

צווי חתונות אין איין טאג איז פארן בטלן א יאמער

און א קלאָג (פּועל) - ווייל ער קאָן דאָך ניט זיין
גלייכצייטיק און געניסן פון ביידע.

ב ט ל נ ו ת | באַטלאָנעס | -- דאָס / די באַ.

1. ליידיקגייעריי, דאָס ארומגיין אָן עפּעס צו טאָן.
א מענטש דאַרף זיין פאַרנומען מיט עפּעס, בטלנות
קאָן חלילה דערפירן צו גאָט ווייסט וואָס, אפילו צו
פאַרברעכן.

1911 " |...| דלות, א ביטער לעבן, מלמדות, בטלנות,
מעקלעריי, א געבויגענער רוקן |...|". ממוס, א/84
די קליאַטשע, קאַנק: 975200.

1939 " אויף בטלנות איז ביי אים ניטאָ קיין אָרט. יעדע
אין טאָג דאַרף זיין באַרעכנט און אויסגעפּילט פון 84
א פּאַרויס באַשטימטער אַרבעט ". זב נייע בלעטער,
קאָונאַס, ז' 64.

2. ( איר ) אומפּראַקטישקייט, אומאָריענטירונג, אום-
טויגעוודיקייט אין רעאַלן לעבן, דאָס זיין אריינ-
געטאָן אין הימלזאַכן.

1958 " |...| פון די יחידים ביי אונדז, וואָס האָט זיך
באַפרייט פון דער נייער נאַציאָנאַלער בטלנות |...| ". 80
דער לעבעדיקער, פּאַג, II/16.

1969 " פון דער גאַנצער צורה האָט אָראָפּגעשמייכלט
א היימישע בטלנות, א גוטמוטיקייט, א שעמעוודיקייט". 82
באַש, פּאַר, IV/11.

ב ט ל נ י ש |באטלאניש| -- אדי/אדוו. פון א בטלן(בב 2 און 4) אויפן שטייגער פון א בטלן.

% בטלנישע פשטלעך. ווארף אוועק דיינע בטלנישע שטיק! זיינע רייד האבן אויסגעזען אזוי בטלניש| אז אלע האבן געלאכט.

ב ט ל ע ן |באטלען| -- טרוו, (דיאל) בטלענען.

1. ארומגיין ליידיק, ניט טאן גארניט אדער טאן אן אומוויכטיקע, אומנייטיקע זאך. % ער איז א פוסטע-פאסניק, בטלט די צייט אומזיסט און אומנישט.
א גאנצע וואך האבן מיר געבטלט דארט, ניט געטאן קיין האנט אין קאלט וואסער.

2. פארנעמען זיך מיט סתם רעדן, פלוידערן,. % דעם גאנצן אוונט האט מען געבטלט, געזאגט וויצן.

בטלען חלומות -- אויסדריקן שטארקע אומצופרידנ-קייט, ברוגז אויף עמעצנס רייד, אויסגיסן אויף יענעם דאס ביטערע הארץ, אויסרעדן, אנזידלען.

1873 " א שלעכטער עסק! איך שטעל מיך אנידער און בטל חלומות. - פע, כ'לעבן ! זאג איך צו איר |...|". 90/א
ממוס, די קליאטשע, קאנק 126400.

~~1929~~ 1919 " ער האט געענטפערט גלייכגילטיק און קאלט, ווי בטלענדיק חלומות ; וועמען שטייט נישט אן". בערג, 90
אין א פארגרעבטער שטאט, (ווילנע, 1929) ז' 13.

בטלען אויף (צו) דעם קאפ פון עמעצן - דזוו דפוו.

1868 " האט מען אנגעהויבן צו גלייבן, דאס די זאך איז גאר מעיקרה אויסגעטראכט און מע האט אנגעהויבן צו 89
בטלען צו דער ווייבלס קאפ, וואס זי האט אזא חריף ארייגעלייגט אין בלאטע ". אמד, די ליידיגע
וויינצונגען, ווילנא, ז' 42.

ב ט ע ו ת | בעטאָעס | -- אדוו פר. דורך א פארזעך/ טעות, אומגערן. ער איז בטעות אריינ אין א פרעמדער דירה. זי האט בטעות געקלונגען איף א פרעמדן נומער פון טעלעפאן.